בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת עקב תשפ"ד שנה י | גליון מס' 547


## יסודות אמונים

### יסודות פון תפילה און אמן אין די וואכעדיגע פרשה

### די חיוב פון 'מאה ברכות'

**"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ"**
(י יב)

פון דער פסוק לערנען חז"ל ארויס אז א איד זאל טעגליך מאכן מאה ברכות. פאלגענד איז דער לשון הגמרא (מנחות מג ב): "חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, שנאמר (דברים י יב): 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שאל מעמך'".

איבער ווי אזוי מען לערנט ארויס פון די פסוק די מאה ברכות איז דא א מחלוקת צווישן רש"י און רבינו תם. רש"י (שם ד"ה מה) זאגט אז די לימוד איז פון דערווארט 'מה' אז מען דרשנ'ט "אל תקרי": "מה" אלא "מאה" - און דאס איז א רמז אויף די מאה ברכות וואס מען מאכט יעדן טאג און דאס איז ה' אלקיך שאל מעמך". דאגעגן דער רבינו תם (תוספות שם ד"ה שואל) זאגט אז ווען מען וועט אפציילן די אותיות פון דער פסוק וועט מען אנקומען צו זען אז עס איז דא הונדערט אותיות און דאס איז א לימוד אז מען זאל מאכן יעדן טאג מאה ברכות.

דער רוקח ברענגט אראפ בשם די גאונים אז נאך דעם וואס די חכמי ארץ ישראל האבן מייסד געווען די תקנה אז מען זאל מאכן יעדן טאג מאה ברכות האבן די חכמי ארץ ישראל געשיקט א בריוו צו די חכמי הגולה און זיי געפרעגט צי זיי ווילן אננעמען אויף זיך די תקנה. די חכמי חוץ לארץ האבן צוריקגענטפערט די שאלה מיט א בריוו אפשרייבנדיג די ברכה פון "גאל ישראל" וועלכע הייבט זיך אן ביי "אמת ויציב ונכון..." עד "זולתך סלה".

אין די ברכה איז דא הונדערט ווערטער און מיט דעם האבן די חכמים אויסגעדרוקט זייער צושטימונג אנצונעמען די תקנה. ('פירושי סדר התפילה לרוקח' ח"א עמ' רחצ).

•

אין די דערמאנטע גמרא זעען מיר אז די תקנה פון מאה ברכות איז א תקנה וועלכע די חכמים האבן מתקן געווען אבער אז מען קוקט אריין אין מדרש זעט מען אז די תקנה האט דוד המלך מתקן געווען. אז דוד המלך האט עס מתקן געווען איז מרומז אין די פסוק אין שמואל ( ב' כג א): "ואלה דברי דוד האחרנים נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הֻקַם עָל" - אז מען רעכענט אויס די גימטריא פון "על" זעט מען אז עס באטרעפט הונדערט און דאס איז מרמז אז די תקנה פון מאכן יעדן טאג מאה ברכות איז א תקנה וואס דוד המלך האט געמאכט בימים ההם.

די חכמים זענען מוסיף דערביי אז עס איז געווען א ספעציעלע סיבה פארוואס דוד המלך האט מתקן געווען אז מען זאל מאכן הונדערט ברכות.

אין יענע צייט זענען טעגליך געשטארבן הונדערט מענטשן ביים כלל ישראל. ווען דוד המלך האט געזען אז יעדן טאג שטארבן די זעלבע צאל מענטשן האט ער פארשטאנען אז די נומער הונדערט מיינט עפעס. ער האט חוקר ודורש געווען ברוח קדשו און ער איז אנגעקומען צו די אויספיר אז דאס איז אזוי ווייל כלל ישראל דאנקט נישט גענוג הקב"ה אויף די טובה וואס ער טוט מיט זיי.

דאן האט ער מתקן געווען אז יעדן טאג זאל מען מאכן מאה ברכות און די תקנה האט געהאלפן און מבטל געווען די גזירה. (תנחומא קרח יב; במדבר רבה יח כא; טור או"ח מו, בשם רב נטרונאי גאון; 'לבוש' שם; 'בית אלקים' שער התפילה פרק יז).

•

דער ב"ח (או"ח מו) שרייבט אז די סכנה גייט נאך אן היינטיגע צייטן און דורך וואס מען זאגט טעגליך הונדערט ברכות זענען מיר מבטל די סכנה.

מען דערציילט אז צו די שטאוב פון הגרש"ז אויערבאך איז אמאל אנגעקומען א גרויסער תלמיד חכם וועלכע איז קראנק געווארן מיט א שווערע מחלה, ער האט געפרעגט דעם צדיק וואס קען ער טון אוועקצונעמען די קרענק? האט אים הגרש"ז גענטפערט: "איך פיר זיך נישט צו ענטפערן פאר אנדערע וואס צו טון, אבער ווען אזא זאך געשעט צו מיר, וואלט איך זיך געשטארקט אין די נושא פון מאה ברכות".

דערביי האט ער אים באטאנט אז די כוונה איז נישט נאר מיט'ן זאגן סתם אזוי נאר אז ער וואלט עס געזאגט מיט א שטארקע כוונה, ווי די הלכה פאדערט.

(ספר 'מצות המאה ברכות כהלכתה' בהקדמה).

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די שליסל פאר די 'שערי הברכה'

די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן "והיה עקב תשמעון" און עס איז ממשיך זאגנדיג אז אויב מען וועט מקיים זיין וואס איז מרומז אין דער 'והיה עקב' וועט מען זוכה זיין צו אז עס וועט קומען שפע פון הימל ווי עס שטייט נאך דעם אויסגערעכענט ווייטער אין פסוק.

רש"י אויפ'ן ארט ברענגט ארט די דרשה פון חכמים אז "עֵקֶב" איז מלשון "עָקֵב", עס איז א רמז אויף גרינגע מצות "שאדם דש בעקביו". אויף אזעלכע סארט מצות זאגט די תורה אז אויב מען וועט זיך צופלייסן און עס אפהיטן וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "ושמר ה' אלקיך לך את הברית את החסד..." אז מען וועט זוכה זיין צו די הימלישע שפע, אז עס וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט ווייטער אז מיר וועלן זוכה זיין צו די אלע ברכות וואס דער פסוק רעכענט אויס.

ווען מען ליינט די אריינפיר שטעלן זיך די ליינער פאר וואו אהין מיר צילן מיט דעם, אז מיט די מצות שהאדם דש מיינען מיר די מצוה פון אמן. ליידער איז דא אזאנע וואס דער מצוה פון עניית אמן איז ביי פון די "מצווה שאדם דש בעקביו".

בדרך מליצה קען מען זאגן אז די זאך איז אפילו מרומז אין פסוק אליין. די ציווי זאגט זיך מיט א לשון פון שמועה ווייל עס איז א מצוה וואס איז נוגע צו די שמועה. אז מען הערט אויס די ברכות און מען ענטפערט אויף זיי אמן איז מען זוכה צו די ברכות וואס די תורה הק' זאגט אז מען וועט זוכה זיין צו איר, אז מען פירט זיך אזוי.

אויף די מצוה פון אמן זאגט זיך דער באקאנטער פתגם אז "דעת בעלי בתים - הפך דעת תורה". ביי דער דעת בעל הבית האט עס א שוואכע ווערד, אבער אז מען קוקט עס אן מיט א דעת תורה זעט מען ווי חשוב עס איז אין הימל. מצד אחד אז מען קוקט אריין אין די ווערטער פון חז"ל זעט מען מורא'דיג שטארקע הפלגות אויף די גרויסקייט פון דער ענטפערן אמן אז חז"ל זאגן אין (דברים רבה ז א): "אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים"! אבער אפילו אז עס שטייט אזעלכע גרויסע זאכן אויף איר, זענען מענטשן מזלזל אין איר, ווי די גמרא זאגט אין ברכות (ו. ב.) "דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם".

עס קען זיין אז די סיבה צו דעם זילזול איז די גרינגקייט ווי אזוי די מצוה קומט אן. א זאך וואס קומט אן שווער האט מען די הרגשה אז מען האט געטון עפעס, אבער אויב די מצוה קומט אן גרינג, עס קומט אונטער די הענט, שפירט נישט דער מענטש אז ער האט געטון עפעס, אבער ווי מיר זען אין פסוק איז דווקא די נקודה די זאך וואס איז גורם אז די מצוה זאל זיין חשובער און טייער ביי הקב"ה און אז דורך איר זאל מען ממשיך זיין אסאך שפע.

לאמיר זיך מעורר זיין און אויפשטיין יעדן טאג פרי און מקיים זיין דער "תשמעון" אויסצוהערן די ברכת השחר פון אנדערע און צו ענטפערן נאך איר אמן און מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די ברכות וואס שטייט אויסגערעכענט אין די פרשה: "ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך... דגנך ותירושך ויצהרך שגר אלפיך ועשתרות צאנך על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך... והסיר ה' ממך כל חולי...", אמן ואמן.

**מיט א קריאה פון "והיה עקב תשמעון"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — ישועת השם - אין די ריכטיגע מינוט! —

דער נאמען פון דער גאון רבי צבי הירש לעווין זצ"ל איז געווען בארימט איבעראל. נאך אין זיינע יונגע יארן האט ער גע'שמ'ט איבעראל מיט זיין גאונות, מיט זיין התמדה,

**זי האט אויסגעווארט ביז ווען איר חשובער מאן וועט אהיימקומען פון שול. נאר ווען ער האט עפעס טועם געווען האט זי אים מיטגעטיילט מיט די מצב וואס טוט זיך אין די שטוב, אז זי האט שוין מער נישט קיין געלט ווי אזוי צו שפייזן די שטוב.**

**"איך רעד נישט פון קיין לוקסעס, איך רעד פון פשוטע זאכן, ווי ברויט און מילעך פאר מיר און פאר די קינדער".**

מיט זיין שארפקייט.

א גרויסער יחסן איז דער צדיק געווען. זיין פעטער איז געווען רבי אריה לייב דער רב פון אמסטערדאם און זיין מאמע איז געווען א טאכטער פון דער 'חכם צבי'.

זיין גוטער נאמען איז געלאפן פאראויס שוין אלץ יונגער בחור. אלע האבן זיך געריסן נאך אים, יעדער האט אים געוואלט האבן אלץ איידעם.

נאך אסאך ביטע'ס האט א רייכע אלמנה פון די שטאט גלאגאו זוכה געווען אין אים. זי האט געהאט ביי איר אין שטוב א גראטענע טאכטער און זי האט זוכה געווען אין דער חשובער בחור.

אין די ערשטע יארן נאך די חתונה איז ער געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט אין די שטאט גלוגא און געלעבט אויף קעסט ביי זיין שוויגער וועלכע האט אים באזארגט מיט אלע זיינע באדערפענישן.

אבער עטליכע יאר איז פארבי. זיין שוויגער האט זיך געלטערט און זי איז אוועק פון די וועלט איבערלאזנדיג אים אליין.

א גרויסע ירושה האט זי איבערגעלאזט. אין די ערשטע יארן האט עס געקלעקעט אויסצוהאלטן די שטוב אבער אזוי ווי עס איז נישט אריינגעקומען קיין פרישע געלט איז די ירושה אלץ געווארן קלענער און קלענער, ביז איין טאג האט זיך עס געענדיגט.

א צובראכענער איז זיין פרוי ארום אין שטוב. אלע אירע יארן האט זי געשטרעבט אז איר מאן זאל קענען זיצן און לערנען תורה אומגעשטערט גליבנדיג אז זי וועט האבן גענוג געלט אים צו שפייזן אבער דא זעט זי פלוצלונג ווי זי האט מער נישט קיין געלט אים צו שפייזן.

זי האט אויסגעווארט ביז ווען איר חשובער מאן וועט אהיימקומען פון שול. נאר ווען ער האט עפעס טועם געווען האט זי אים מיטגעטיילט מיט די מצב וואס טוט זיך אין די שטוב, אז זי האט שוין מער נישט קיין געלט ווי אזוי צו שפייזן די שטוב.

"איך רעד נישט פון קיין לוקסעס, איך רעד פון פשוטע זאכן, ווי ברויט און מילעך פאר מיר און פאר די קינדער".



די שטאט גלאגאו אין פוילן

א לענגערע צייט איז דער גאון געזעסן פארטראכט אין זיינע געדאנקען. אויך ער האט געוואלט בלייבן זיצן און לערנען על התורה ועל העבודה, אבער מען מוז דאך ברענגען עסן פאר די קינדער.

טראכטנדיג אזוי האט א געדאנק אויפגעבליצט ביי איר אין קאפ. זי האט זיך דערמאנט אז זי האט ביי איר אין שלאפצימער אוועקגעלייגט טייערע צירונג, אוסגעצירט מיט טייערע דימאנטן.

א שטארקע טייערקייט האבן די דימאנטן געהאט ביי איר, אבער נאך טייערער איז געווען די תורה פון איר מאן. זי האט באשלאסן אז זי וועט עס פארקויפן און פון דעם וועט מען לעבן אין די קומענדיגע שטיק צייט.

א טייערע צירונג איז עס געווען. עס איז באשטאנען פון מערערע פערלשטיינער. איינער נאך די אנדערע האט זי אראפגענומען פון דעם און עס פארקויפט. אין אויסטויש האט זי באקומען פאר דעם שיינע סומעס, אבער אויך דאס האט זיך געענדיגט.

אין טאג האט זיך דאס אויך געענדיגט. מיט א צובראכענע הארץ האט זי אנגעהויבן ארומזוכן אין שטוב נאך א חפץ וואס זי קען פארקויפן. נאך א לאנגע זוכעריי האט זי געטראפן א זילבערנע לעפל.

זי האט עס פארקויפט אבער דאס איז געווען אסאך ווייניגער ווערד ווי די פערל שטיינער. זי האט עס פארקויפט און אין אויסטויש האט זי באקומען פאר דעם אביסל געלט, דאס האט געדינט פאר עטליכע טעג ברויט און צושפייז.

יענע פרישטאג האט זי געגעסן מיט א שטארקע צובראכנקייט. מיט'ן גאנצן הארץ האט זי געהאפט אז איר מאן וועט בלייבן זיצן און לערנען אבער זי האט נישט געזען פאר זיך קיין שום מעגליכע וועג ווי אזוי דאס וועט קענען פאסירן.

איר גרויסער מאן זעענדיג איר צובראכנקייט האט איר געמוטיגט.

"זארג נישט ישועת ה' כהרף עין!", האט ער איר געזאגט און איר געשטארקט אז השי"ת וועט שיקן די ישועה נאכזאגנדיג דערביי וואס מען זאגט נאך פון צדיקים אז ווען מען זעט נישט קיין ישועה בדרך הטבע, קומט צוגיין א ישועה פון הימל.

נאך ביי יענע פרישטאג האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר. ביים שוועל איז געשטאנען א שליח פון די טעלעגראם אפיס. אין זיין האנט האט ער געהאלטן א טעלעגראם וואס איז יעצט געקומען צופארן פון די ווייטע לאנדאן.

"אונזער רבנות אמט איז ליידיג געווארן. מיר וואלטן זייער געוואלט אז איר זאלט קומען דינען ביי אונז ברבנות. די קהילה וועט אייך פארפיגן מיט אלע אייערע געברויכן.

דערביי האבן זיי צוגעלייגט א גרויסע סומע געלט וועלכע וועט דעקן די קאסטן פון די רייזע.

צופרידן און ערמוטיגט האט זיך די פארפאלק געשפירט לייענענדיג דעם בריוו. פון זייערע מיילער האט זיך מיט א התרגשות געליינט די ווערטער פון דוד המלך (תהלים לז כה): "נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם" אז דער רבוש"ע פארלאזט נישט קיינמאל אין קיין שום מצב, נאר שיקט אייביג צו וואס מען דארף צו האבן אין די ריכטיגע מינוט.

'חדוות החיים' ח"ב פרק מ

## ווען א גוי געט א ברכה – ווערט עס נאר מקויים ווערן דער איד זאגט 'אמן'

**"בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ"** (ז יד)

דער פשוטער פשט פון די ווערטער 'ברוך תהיה מכל העמים' איז אז א איד איז מער געבענטשט ווי דער גוי אבער אין ירושלמי (ברכות ח ח) ווערט געברענגט אז רבי תנחום האט גע'דרשנ'ט דער פסוק אז אויב א איד האט באקומען א ברכה פון א גוי - זאג אמן נאך איר, ווייל נאר אזוי וועט עס ווערן מקויים.

לויט אים איז פשט אין פסוק אז ווען דו ווערסט געבענטשט "מכל העמים' זאלסטו עס אננעמען ווייל די ברכה קען חל זיין.

אז מען איז מדייק די לשון הפסוק זעט מען אין איר אז א ברכה פון א גוי קען חל זיין אבער וואו שטייט אין איר אז מען זאל נאכזאגן 'אמן' נאך די ברכה, וואו איז דא א רמז צו איר אין דער פסוק.

**געט רבי יעקב יהושע פרומן פון די שטאט לאדזש צו פארשטיין:**

דער מדרש (ב"ר ס יג) זאגט אז וועגן דעם האט רבקה אמנו מיט יצחק אבינו געדארפט מתפלל זיין פאר קינדער, אז מען זאל נישט זאגן אז זי האט געהאט קינדער פון די ברכה פון לבן הארמי, וועלכע האט איר געבענטשט איידער זי איז אוועק פון שטוב מיט אליעזר זאגנדיג (בראשית כד ס): "אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה".

פון דעם מדרש זעט מען אז ווען א גוי געט א ברכה איז דא א חשש אז מען זאל מיינען אז די ברכה פון דעם גוי האט געברענגט די ברכה. די עצה דערצו איז אז מען זאל זאגן 'אמן' און ווייל די 'אמן' איז מקיים די ברכה, קומט אויס אז די ברכה איז נישט מקויים געווארן דורך דער גוי, נאר דורכ'ן איד.

מיט דעם יסוד איז א דבר פשוט אז א איד מוז ענטפערן אמן נאך די ברכה, ווייל אן דער 'אמן' וועט די ברכה נישט חל זיין און רבי תנחום דארף נישט טרעפן פאר איר א רמז אין די תורה.

מיט דעם געדאנק קען מען אויך פארשטיין דער המשך פון דער פסוק: "בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים" - אז דו באקומסט א ברכה פון א גוי - ענטפער אויף איר אמן און זיי מקיים די ברכה. נאר אזוי וועט מקויים ווערן דער "לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה" -אז דו וועסט נישט זיין קיין עקרה - ווייל דו וועסט נישט דארפן ווארטן צו מבטל זיין די ברכה פון גוי, אז דער גוי זאל קענען זאגן אז זיין ברכה האט געברענגט די השפעה.

'נחלת יעקב יהושע'

## די פעלקער האבן מורא צו טשעפענען מיט די אידן – אז זייער תפילה זאל עושה רושם זיין

**"בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ"** (ז יד)

אויף דער פסוק: "לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה" דרש'נען חז"ל (בכורות מד ב): "שלא תהא תפילתך עקורה לפני המקום" נאר דיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן און ברענגען פרוכטיגע תוצאות.

מיט דער געדאנק האט דער באנהורט'ער רב רבי משה פאללאק געטייטש דער פסוק "ברוך תהיה" געבענטש זאלסטו זיין אין די מיילער פון אלע פעלקער אין די וועלט און די ברכה וועט זיין בזכות "לֹא יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה" - אז דיינע תפילות וועלן נתקבל ווערן און די אומות העולם וועלן וויסן אז מיט דיר לוינט זיך נישט אנצוהייבן ווייל הקב"ה איז מקבל די אידישע תפילות און היט זיי אפ ווי די גמרא דערציילט אין מסכת תענית (כד ב).

'וידבר משה'

## אנהאלטן דער כוס פוןביידע זייטן - צו ווייזן אז אלעס איז פון הימל

**"וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ: הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ..."** (ח י-יא)

**זאגט דער הייליגער 'כתב סופר':**

פון די סמיכות פון די פסוקים זעט מען אז די סיבה צו די מצוה פון ברכת המזון איז אז מיר זאלן נישט פארגעסן אז השי"ת איז דער וואס געט אונז כח צו קענען אנגיין מיט אונזער לעבן, אז אלע שפע וואס מיר האבן קומט פון אים.

עס קען זיין אז וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט (ברכות נא א) אז ווען א איד בענטש אויף א כוס דארף ער אנכאפן מיט ביידע הענט און עס אנהאלטן ביי די רעכטע האנט, ווען ער מאכט די ברכה, ווייל ווען ער כאפט אן א זאך מיט ביידע הענט, געט מען ארויס מיט דעם אז ער פארלאזט זיך נישט אויף די השתדלות וואס קומט מיט זיינע הענט, נאר אויף הקב"ה וואס איז מרומז אין דער פסוק "ימין ה' עשה חיל" (תהילים קיח טו).

שו"ת 'כתב סופר' או"ח כט

אין המצווה נקראת אלא על שם גומרה



ווען א איד ענטפערט אמן נאך א ברכה איז ער מיט דעם משלים די ברכה, ווייל אין המצווה נקראת אלא על שם גומרה און דער וואס ענדיגט די ברכה - אויף זיין נאמען גייט די ברכה.

(תוספות הרא"ש ברכות נג ב; 'שלמה משנתו' שם).

טייערער איד!

צייל זיך אויך אויף די מזכי הרבים. שטיי אויך אויף צופרי און ענטפער אמן נאך די ברכות פון די מתפלל און זיי זוכה אז די ברכות זאלן גערופן ווערן אויף דיין נאמען.

זיך אנצושליסן

פול אויס אן אפעליקאציע אין די 'נדרים פלוס' מאשינען און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

צווישן די וואס פולן אויס אן אפעליקאציע וועט פארקומען א גורל אויף א רייזע צו מקומות הקדושים מיט די הערליכע מיניוועון פון בני אמונים.




דער יידישער בית הקברות אין שינובה

## ה'יד הקטנה' כ"ג באב תקנ"ו

די לעבנסגעשיכטע פון דער צדיק רבי דוב בעריש בן רבי יעקב גוטליב פון די שטאט שינאווא זענען היבש פארנעפעלט. דער בעל 'מליצי אש' (ח"ד, דף מד ע"א) אין זיין ספר משל'ט אים אראפ מיט די ווערטער: "צדיק נסתר, גדול בנגלה ובנסתר, קדוש וטהור, כל מעשיו לשם שמים".

טראץ וואס זיין לעבנסגעשיכטע איז נישט באקאנט קען מען אבער זען פון דער ספר 'יד הקטנה' אויפ'ן רמב"ם וועלכער ער האט געשריבן זיין גרויסקייט און זיין גדלות אין תורה און אין יראה.

עס ווערט דערציילט אז ווען דער צדיק האט געגעבן צו דרוקן זיין ספר האט ער נישט געשריבן אין איר זיין נאמען נישט וועלנדיג מען זאל וויסן ווער עס האט עס געשריבן. נאר זיבעציג יאר נאך זיין פטירה, ווען מען האט איבערגעדרוקט זיין ספר, האט דער בעל שואל ומשיב רבי יוסף שאול נאטאנזאהן בעל 'שואל ומשיב' געשריבן א הסכמה און אויפגעדעקט זיין נאמען.

אין די הקדמה שרייבט דער בעל שואל ומשיב די פאלגענדע ווערטער: "אף שהעלים המחבר מרוב ענוותנותו את שמו, אמנם ידענו גם ידענו כי הוא היה הרב הגדול הצדיק הנשגב מוהר"ר דב בעריש גאטליב ז"ל משינאווע. ואף שהיה סוחר, נושא ונותן באמונה, עוד לא עממוהו רתיקי חבלי מרכולתו, עוד לא נכבו גחלי רצפתו שביבי אש שלהבת תורתו, אשר היה כיקוד אש בוער בליבו אהבת ה' ויראתו".

א שטארקע חביבות האט דער ספר 'יד הקטנה' געהאט ביים הייליגן חפץ חיים. ער פלעגט זיך אויסדרוקן אויף דער ספר: "דאָס איז דער באליבסטער ספר ביי מיר און ער ברענגט עס טאקע אראפ מערערע מאל אין זיינע ספרים 'חפץ חיים' און 'משנה ברורה' (מבוא ל'יד הקטנה' מהדורת ירושלים תשס"ט).

## די דינים פון אמן ווי עס ווערט געברענגט אין זיין ספר 'יד הקטנה'

אין זיין ספר 'יד הקטנה' הלכות ברכות (א יא-יב), ברענגט דער מחבר אראפ די הלכות פון עניית אמן אין קורצן און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער איבערגעזעצט אויף אידיש:

"יעדער איד וואס הערט א צווייטן איד מאכן א ברכה, נישט קיין חילוק וועלכע ברכה עס איז, פון אלע סארט ברכות, אפילו אז ער האט נישט געהערט די ברכה פון אנהייב ביז צו די סוף און אפילו אז ער איז נישט חייב מיט די ברכה איז ער מחוייב צו ענטפערן אמן. ווען ער ענטפערט זאל ער אינזינען האבן אין זיין הארץ: 'די ברכה וואס דער איד האט געמאכט איז אמת און כ'גלייב אין איר.

מיט זיינע קליינע קינדער זאל ער לערנען מיט זיי צו ענטפערן אמן, ווייל גלייך ווען א קינד ענטפערט אמן, איז ער זוכה צו א חלק אין עולם הבא. אויב דער וואס האט געמאכט די ברכה איז אן אפיקורוס אדער אמין, אדער א קליין קינד וואס לערנט זיך אויס צו מאכן, אדער א גרויסער קינד און ער האט געענדערט פון די מטבע הברכה, זאל מען נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה. נאך די ברכה פון א גוי ענטפערט מען נאר ווען מען הערט פון אים די גאנצע ברכה.

יעדער וואס ענטפערט אמן זאל נישט ענטפערן קיין 'אמן חטופה', דהיינו ער זאל נישט ארייננכאפן די אל"ף. אזוי אויך זאל ער זיך נישט איילן און עס ענטפערן פאר דער וואס ענדיגט די ברכה האט געמאכט די ברכה. אזוי אויך זאל אכטונג געבן פון ענטפערן אן 'אמן קטופה', דהיינו אז ער לאזט אויס די נו"ן. אזוי אויך זאל ער זיך נישט אפשטעלן אינמיטן א ווארט. ער זאל אכטונג געבן פון ענטפערן אן 'אמן יתומה', אז אפילו אז ער איז נישט מחוייב מיט די ברכה זאל ער נישט ענטפערן קיין אמן, אויב ער ווייסט נישט וועלכע ברכה מען מאכט, ווייל אויך דאס ווערט אנגערופן אן 'אמן יתומה'. אויך זאל ער זיך נישט פארזוימען נאר גלייך ווען מען ענדיגט די ברכה זאל ער ענטפערן אמן, ווייל אויך דאס איז אן 'אמן יתומה' ווייל אויף וואס זאגט ער אמן? ער זאל אויך נישט ענטפערן אן 'אמן קצרה' ווייל אמן דארף כוונה לויט די שיעור ווילאנג עס נעמט צו זאגן די ווערטער 'א-ל מלך נאמן'.

ער זאל נישט מאריך זיין אין דעם צופיל ווייל א ווארט הערט זיך נישט, ווען מען איז מאריך אין איר צו שטארק. אויך זאל דער וואס ענטפערט אמן אויפפאסן נישט אויפצוהייבן זיין שומע העכער ווי דער 'מברך'.

ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אן **אמן חטופה**

**א.** אן אמן חטופה איז אז מען זאגט ארויס דער אל"ף פון אנהייב ווארט מיט א שוו"א און נישט מיט א בקמ"ץ (שו"ע קכד ח).

**ב.** נאך א סארט אמן חטופה איז אז מען זאגט ארויס שנעל אן אמן, נאך פאר מען ענדיגט די ברכה (שם).

ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אן **אמן קטופה**

**א.** אן אמן קטופה איז אז מען לאזט אויס דער אות נו"ן פון דער אמן (שם).

**ב.** נאך א וועג פון אן אמן קטופה איז אז מען איז מפסיק אינמיטן די ווארט 'אמן' אז עס ווערט צעטיילט אין צוויי באזונדערע ווערטער. (רמ"א שם).

ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אן **אמן יתומה**

**א.** אן אמן יתומה איז אז מען ענטפערט אמן אן וויסן אויף וועלכע ברכה מען ענטפערט. (שם).

**ב.** אז מען זוימט זיך און מען ענטפערט נישט גלייך אמן - ווען די ברכה ענדיגט זיך (שם).

ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אן **אמן קצרה**




אן אמן קצרה איז אז מען ענטפערט נישט אמן שנעלערהייט, מען איז מאריך אין איר אביסל, לויט די שיעור אז מען זאל קענען אינזינען האבן אין איר יד ווערטער: "א-ל מלך נאמן" (שו"ע שם).